בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com

# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים
חג הפסח תשפ"ה שנה י | גליון מס' 577

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

## — את פתח לו —

איינער פון מיינע באקאנטע האט זיך לעצטענס אומגעקערט פון א באזוך אין ארץ ישראל. אהיימקומענדיג האט ער מיר מיטגעטיילט מיט אן איבערלעבעניש וואס ער האט געהאט אין ארץ ישראל.

אלעמאל ווען ער באזוכט אין ארץ ישראל דאווענט ער אין איין געוויסער שול. עס איז א קליינע שולכ'ל נעבן זיין אכסניא. די מנין דארט איז נישט בשפע. מען קראצט דארט צוזאם א מנין אבער דאסמאל האט אים אפגעווארט אן איבערראשונג.

די שול איז געווען געפאקט צען מינוט איידער מען האט אנגעהויבן דאס דאווענען. איינער האט געזאגט ברכות פאר'ן צווייטן. אויך ער האט געזוכט א חברותא מיטוועמען צו זאגן די ברכות און ענטפערן 'אמן'. אזוי ווארטנדיג האט זיך א איד דערנענטערט צו אים און מיט א שמייכלדיג'ע פנים געוואלט וויסן צי ער זוכט איינעם פארוועמען צו מכן די ברכות.

"איך וועל זיך פרייען צו מאכן די ברכות פאר דיר". האט דער איד געזאגט.

די שינוי איז געווען זייער דראסטיש. ער האט נישט געקענט פארשטיין וואס האט דא פאסירט. ער האט א פרעג געגעבן איינער פון די באקאנטער. יענער האט אים אנגעוויזן אויף איין איד זאגנדיג אז דער איד שטייט דערונטער די מהפכה. ער האט גענומען אויף זיך מעורר צו זיין די אידן אין די שול איבער מאכן ברכות מיט א חברותא. דער איד איז צוגעגאנגען צו אנדערע אידן און אנגעהויבן מאכן מיט זיי ברכות. ער האט אנגעהויבן אליין אבער זייער שנעל זענען אנדערע געווארן נאכגעשלעפט און מיטגעריסן מיט די געשמאקע מנהג און עס איז געווארן א 'שול זאך' - אז היינטיגע צייטן טוט עס יעדער נאך.

דער דערציילער איז געווען אויסערזיך פון התרגשות. די געשעעניש האט ביי אים געדינט ווי א ביישפיל איבער דער כח פון איין איד. ווי אזוי איין איד קען צוברענגען א גענצליכע מהפיכה אין א שול אז די שול זאל זיך טוישן מקצה אל הקצה אבער פאר מיר איז עס נישט געווען אזא גרויסער חידוש.

במשך די יארן האב איך שוין מיטגעהאלטן צענדליגע געשיכטעס וואס האבן זיך אנגעהויבן מיט אן איינצעלער מענטש און עס האט זיך געענדיגט מיט'ן אריינברענגען דער גאנצער שול אין די זאך.

יעדער פאל פאר זיך איז א וועלט פאר זיך. עס נעמט אריין אין איר אן א צאל דעטאלן גרעסערע ביז קלענערע אבער די הנאה, די געשמאק וואס עס ברענגט, די שפע וואס מען איז ממשיך דורך איר איז אין לשער ואין לתאר. אויף די סארט זאכן זאגט זיך דער מאמר חז"ל אז עס איז דברים וואס זענען עומד ברומו של עולם אבער מענטשן זענען מזלזל אין דעם.

רעדנדיג אמאל מיט א איד איבער די נושא האט ער מיר געענטפערט אז ביי אים איז נישט אזא זאך. די צופרי' שעה'ן ביי אים איז א פארנומענער צייט, ער קען נישט אראפציפן פון זיי קיין צייט פאר אזעלכע זאכן. איך האב זיך נישט געלאזט פון אים. איך האב זיך גע'טענה'ט מיט אים אז 'היא הנותנת' אז די געדרוקקייט אין צייט איז ווייל ער מאנגעלט אין שפע. אויב וועט ער זיך פארנעמען די נושא וועט זיך עפענען די שערי השפע און ער וועט האבן מער צייט, ווייל 'אמן' ברענגט שפע, ווי דער זוה"ק זאגט [וילך רפה ב.] אז די שפע הטוב פון די וועלט קומט פון דער אמן.

א שיינער רמז אז די ברכה וואס די אמן ברענגט אראפ איז אויך ממשיך שפע פאר די צייט טרעפט מען אין די גמרא (ברכות מז א): "כל המאריך באמן - מאריכים לו ימיו ושנותיו". ווען מען איז זיך מתבונן אין דער מאמר החז"ל באגעגנט מען א כפל הלשון. עס שטייט סיי "ימיו" און אויך "שנותיו"? איינער ליגט דאך אין דעם צווייטן? נאר עס קען זיין אז דאס וויל דער מאמר חז"ל מרמז זיין אז דער "המאריך באמן" איז זוכה צוביידע. מען איז סיי מאריך זיינע יארן און אויך זיינע טעג, אז די צייט וואס ער געט אוועק פאר די אמן שפארט ער זיך צייט פון זיין טרוד מיט אנדערע זאכן.

דעם שטיקל וועל איך פארענדיגן מיט'ן אנצייכענען אז ברוך ה' פאר לאנגע יארן בין איך זוכה צו שטיין טאג טעגליך לאנגע שעה'ן אויף מיין משמרת און עוסק זיין מיט 'אמנ'ס' און איך שפיר עס פאר א זכיה, אז איך קען נישט ענדיגן דאנקען הקב"ה אז ער האט מיר געגעבן די גרויסע זכיה זוכה צו זיין אין די מצוה.

•

עס גייט דאך יעצט דער יום טוב פסח. אלעמאל זוכן מיר משלב צו זיין א רמז פון די נושא אין די יום טוב און אויך איבער די נושא פון אוועקגעבן צייט פאר אמנים האבן מיר געטראפן א רמז אין די הגדה וואס מען זאגט פסח ביינאכט.

אין די סדר פון די 'הגדה' וואו מען רעדט ארום איבער די פיר קינדער און מען שמועסט אויס ווי אזוי מען זאל זיי מיטטיילן מיט די גרויסע ניסים וואס איז געווען אין מצרים טרעפן מיר אז רעדנדיג פון דער 'שאינו יודע לשאול' באנוצט זיך דער פסוק מיט'ן לשון 'את פתח לו' - דהיינו ווארט נישט ביז ווען ער קומט פרעגן נאר פעדער אים און נאך איידער ער קומט רעדן - גיי רעד צו אים - עפן מיט אים די נושא.

איך האב אינזינען געהאט אז אויך לגבי די נושא פון אמנים איז דא דער 'שאינו יודע לשאול'. עס איז איז דא די אידן וואס זיי באגרייפן נישט די גדלות פון ענטפערן 'אמן' אדער זענען זיי שעמעוודיג צו ענטפערן די 'אמנים' און אויף אנדערע ליגט די פליכט צו עפענען מיט זיי די נושא און זיין אין די בחינה פון "אַתְּ פְּתַח לוֹ"!.

צו אזא איד גייט מען צו און מען זאגט אים, איך וויל ענטפערן אמן אויף דיינע ברכות און אזוי ארום ענטוויקלט זיך ביי אים די נושא.

אין די יום טוב טעג לייגט מען צו ביי ברכות המזון א ספעציעלער "הרחמן". מען בעט ביי הקב"ה

"הרחמן הוא ינחילנו ליום שכולו טוב יום שכולו ארוך יום שצדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם ונהנים מזיו השכינה **ויהיה חלקנו עמהם**".

ווען מען בעט הקב"ה אז מען וויל זיין איינס מיט די צדיקים איז די וועג זוכה צו זיין אין דעם דורך עניית אמן ווייל דאס איז דער טויער אריינצוגיין אין גן עדן ווי חז"ל זאגן [שבת קיט ב] "כל העונה אמן בכל כוחו - פותחים לו שערי גן עדן".

עס קען זיין אז די בחינה איז מרומז אין די ווערטער "את פתח לו" אז דער וואס איז מזכה כלל ישראל איז זוכה אז די שערי גן עדן עפענען זיך פאר אים.

יעצט איז די צייט! די בעסטע צייט ווען אין יעדער שול זאל אויפשטיין א איד, איינער וואס גלייכט צו טון מצות און נאכגיין אין די וועגן פון הצלחה וואס די שול איז אריבער און מאכן א שינוי.

אויך דו, טייערע לייענער, ביסט ביכולת צו מאכן די מהפכה, שליס זיך אן אין די צדיקים, די שומרי אמונים, וואס האבן אין אלע דורות אוועקגעגבן צייט פאר די אמנים און אריינגעברענגט א לעכטיגקייט אין די גאנצע סביבה.

עס איז א קליינע טריט אין טאג, אבער עס א טריט וואס טוישט די מענטשליכער לעבן אויף אייביג, דאס לעבן ווערט א לעבן פול מיט שליחות און מען זעט פון דעם גרויסע זאכן ברוחניות ובגשמיות.

יעדער קען זיין א שליסל ממשיך צו זיין די השפעה - לאמיר זיך אנשליסן און זוכה זיין צו זען די שפע ווייל מיר אויף זענען אויך ווערד דערצו.

**מיט א קריאה פון "את פתח לו"!**
**שבת שלום ופסח כשר ושמח,**

יעקב דוד מארמארשטיין

בְּרָכוֹת הַשַּׁחַר כַּהֲלָכָה

בְּקוֹל בְּכַוָּנָה בַּחֲבְרוּתָא

# — די 'אמן' וואס האט געמאכט די טויש —

א רואיגער שבת צופרי' אטמאספער איז יענער שבת אינדערפרי' געווען אויסגעשפרייט אין די שטאט ביתר ווען דער קליינער אפרים האט געעפענט זיינע אויגעלעך צו א פרישע שבת צופרי'.

אפרים, א צען יעריג קינד, איז נאך נישט א בר מצוה בחור, אבער דאך האט ער זיך געמאכט א קביעות אז יהיה מה שיהיה, ער

**ער האט נישט געקענט גלייבן וואס ער האט געהערט אז ער, א יונגער יונגל, מיט אזא תמימות'דיגע פעולה האט געהאלטן א צווייטן איד ביי אידישקייט.**

פארפעלט נישט קיין שחרית אין די שול וואו ער דאווענט.

א שחרית ביי אפרים'ל הייבט זיך נישט אן ביי 'נשמת' און אויך נישט ביי 'ברוך שאמר'. זייענדיג א קלוגער קינד האט ער דערהערט די חשיבות פון א 'ברכה' און פון א 'אמן' און איז אויסטערליש שטארק מקפיד אויף אים.

יעדער מאל ווען ער וועט זיך שטעלן זאגן א ברכה וועט ער ערשט אויפזוכן איינער וואס איז גרייט אויסצוהערן די ברכה און ענטפערן אויף איר אמן - נאר דאן וועט ער פארלייגן זיין ברכה.

אפרים האט זיך געוואשן נעגל וואסער, ער האט א קוק געגעבן אויפ'ן זייגער און עס איז אים געווארן טונקל. עס איז שוין היבש שפעט, ער איז זיך גוט פארשלאפן.

וואו וועט ער דא טרעפן א מנין? ווער וועט אים זאגן די ברכות? אבער אפרים האט געמאכט א חשבון איינס מיט נאך איינס - נישט ווייל ער האט שוין דערלייגט ביז יעצט דארף ער דערלייגן מער. געשווינד טאנצט ער ארויס פון בעט און טוט זיך אן און לויפט אריבער אין שול.

דער אנהייב פון די דאווענען האט ער שוין דערלייגט אבער א דאגה שוועבט אין זיין קאפ. מען קען נישט אנקומען אינמיטן דאווענען און בעטן א איד זאל ענטפערן 'אמן' אויף דיין ברכה, ער מוז טרעפן א איד איידער ער קומט אן אין שול.

גייענדיג אויף די גאסן קומט אים אקעגן א יונגער בחור'ל. דער בחור'ל וועלכע מאכט אן איינדרוק פון א זעכצן יעריגע זעט אויס ערנסט, צו די זאך און אפרים באשלוסט אז ער גייט אים אויספרובירן.

"בחור'ל". שטעלט אים אפרים אפ.

"אפשר ווילסטו אויסהערן מיינע ברכות און נאכזאגן נאך זיי אמן?".

דער בחור געפלעפט פון די שאלה, האט זיך נישט געראכטן אויף אזאנס, ער וויל נישט זיין א שלעכטער, ער איז מסכים. מיט א קינדערישע ערליכקייט הייבט אפרים אן צו מאכן די ברכות, נאך יעדע ברכה ענטפערט דער בחור אמן.



די ברכות קומען אן צו איר ענדע, דער בחור וויל זיך שוין שיידן, אבער אפרים לאזט אים נישט גיין.

"דו האסט שוין געמאכט די ברכות? אפשר קען איך זאגן אמן אויף זיינע ברכות?".

דער בחור איז אריין אין א פארלעגנהייט, אבער קעגן די תמימות'דיגע געבעט פון אפרים האט ער זיך געבראכן און אנגעהויבן מאכן ברכות איינער נאך די אנדערע.

די סצענע האט זיך געענדיגט, די צוויי האבן זיך געשיידט, מיט שנעלע טריט איז אפרים געלאפן אין שול - יעצט קען ער שוין מיטדאווענען מיט'ן ציבור אבער ביי די בחור איז די מצב געווען אנדערש.

אפרים האט נאר געוואלט ענטפערן אמן אדער אז איינער זאל ענטפערן 'אמן' אויף זיינע ברכות, אבער ביי דער בחור איז די געשיכטע געווען אן אנדערע.

שוין א שטיק צייט וואס דער בחור דרייט זיך ארום און שלעכטע געדאנקען נעסטן אין זיין מח. נישט שפירנדיג קיין געשמאק אין די לימודים, אין די סביבה, האט ער אנגעהויבן זוכן גליקן אין די דרויסענדיגע וועלט און געוואלט פארלאזן די ישיבה באנק.

אויך די שבת צופרי' האט ער געטראכט וועגן דעם. אין זיין מח האט זיך ארומגעדרייט מחשבות אהין און אהער. זיין הארץ האט געוואלט ארויסלויפן צו די קאלירפולע גאס, אבער זיין שכל האט אים געווארענט אז עס קען זיך ענדיגן ביטער.

די מחשבות און די ספיקות האבן אים געשלעפט אויף ביידע זייטן און דאן האט ער באגעגנט דעם קליינער אפרים מיט די ברכות.

דער קליינער אפרים'ל האט געענטפערט אמנ'ס מיט א האסטיגקייט אבער די ברען מיט וואס ער האט זיי געזאגט האט אנגעצינדן ביי אים א לעמפל. אויסהערנדיג די ברכות, די שמחה מיט וואס ער לויבט הקב"ה, דער "המלמד תורה לעמו ישראל" האט עס אנגעצינדן אין אים די תשוקה צו תורה, די חשיבות וואו ער געפינט זיך און ער האט געמאכט א החלטה - אז דא בלייבט ער - אז ער איז בוחר אין דעם.

עס איז שווער אבער ער וועט זיך אנשטרענגען ווייל ער וויל בלייבן געבינדן צו די לעכטיגע תורה, צו איר געהויבנקייט.

דער בחור האט געמאכט די באשלוס און זיך איינגעגלידערט אין די לעבן פון תורה.

די יארן זענען געלאפן, דער בחור האט חתונה געהאט און איינמאל איז אויסגעקומען אז ער זאל זיך באגעגענען מיט אפרים. דער יונגער אפרים האט אים נישט דערקענט אבער ער האט אים גוט דערקענט.

ביי יענע באגעגעניש האט אים דער בחור דערציילט די מעשה.

"איך האב דיר עס קיינמאל נישט דערציילט". האט דער בחור אנגעהויבן די געשיכטע און אים דערציילט ווי שטארק דער באגעגעניש יענער שבת צופרי' האט אים באיינפלוסט איבערלאזנדיג אויף אים א דויערהאפטיגער השפעה צובערענגענדיג ער זאל מאכן דעם ריכטיגן באשלוס און בוחר זיין בטוב.

אפרים איז געווען שאקירט.

ער האט נישט געקענט גלייבן וואס ער האט געהערט אז ער, א יונגער יונגל, מיט אזא תמימות'דיגע פעולה האט געהאלטן א צווייטן איד ביי אידישקייט.

דער אמאליגער בחור איז היינט א טאטע פון פינף קינדער און אלעס איז אין זיין זכות.

באגייסטערט פון די געשעעניש האט דער קליינער אפרים - וואס איז שוין היינט א גרויסער בחור - אונז אריינגעשיקט די מעשה אז מען זאל זיך אויסלערנען די גדלות פון אן אמן און ווי גרויס איר כח איז און אז עס בלייבט אויף אייביג.

## כולנו יודעי שמך – מיט אונזער גאנצער מציאות

"אָמַר רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה: הֲרֵי אֲנִי כְּבֶן שִׁבְעִים שָׁנָה, וְלֹא זָכִיתִי שֶׁתֵּאָמֵר יְצִיאַת מִצְרַיִם בַּלֵּילוֹת עַד שֶׁדְּרָשָׁהּ בֶּן זוֹמָא, שֶׁנֶּאֱמַר (דברים טז ג): לְמַעַן תִּזְכֹּר אֶת יוֹם צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ, יְמֵי חַיֶּיךָ - הַיָּמִים, כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ - הַלֵּילוֹת. וַחֲכָמִים אוֹמְרִים: יְמֵי חַיֶּיךָ - הָעוֹלָם הַזֶּה, כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ - לְהָבִיא לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ"

א שיינער מהלך האט דער גר"א אויף די מחלוקת פון רבי אלעזר בן עזריה וחכמים:

ער זאגט אז די ווארט "כל" האט צוויי משמעות'ער א. צו מאכן איינס פון אלע יחידים. א ביישפיל דערצו איז דער אויסדרוק "כל הימים", דער אויסדרוק נעמט אריין אין איר אלע טעג. ב. די צווייטע פשט איז צו נעמען א זאך און צוברענגען אז עס זאל זיין בשלימות ווי למשל דער אויסדרוק "כל היום" איז אריינצונעמען דער גאנצער טאג.

דער תנא בן זומא איז מפרש דער לשון הכתוב: "כל ימי חייך" אז דער 'כל' נעמט אריין אין זיך דער גאנצער טאג, אז די טאג זאל זיין בשלימות און וועגן דעם איז די כוונה פון "כל" מרבה צו זיין דער גאנצער טאג סיי בייטאג און סיי ביינאכט און וועגן דעם איז ער מרבה די חיוב פון מזכיר זיין יציאת מצרים בלילות. דאגעגן די חכמים זענען מפרש דער פסוק מיט די ערשטע משמעות פון "כל" און וועגן דעם זאגן זיי אז דער "כל" איז מרבה צו זיין אויך די ימות המשיח.

מיט דעם דערהער האט דער אנטווערפענער רב רבי מרדכי ראטענבערג געגעבן צו פארשטיין די בקשה וואס מיר בעטן ביי די סיום פון א מסכתא: "ונהיה כולנו אנחנו וצאצאינו וצאצאי צאצאינו וצאצאי עמך בית ישראל כולנו יודעי שמך ולומדי תורתך לשמה". לכאורה איז שווער פארוואס דאפלען מיר דער "כולנו"? נאר דער כולנו וואס שטייט דא האט אין זיך צוויי משמעות און מיר האבן דא צוויי אנדערע בקשות. ביי די ערשטע "כולנו" בעטן מיר אז אלע וואס גייען דא ווערן אויסגערעכנט ווי די צאצאים און צאצאי צאצאינו זאלן זיין "יודעי שמך ולומדי תורתך" אבער ביי די צווייטע "כולנו" בעטן מיר אן אנדערע בקשה אז אונזער גאנצער מהות זאל זיין דבוק אין הקב"ה בה' ובתורתו.

'ביאור הגר"א להגדה של פסח'; 'משנה שכיר' פרשת נצבים

## אין עולם האמת וועט נתגלה ווערן אז אלעס איז לטובה

"הרחמן הוא ינחילנו ליום שכולו טוב יום שכולו ארוך יום שצדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם ונהנים מזיו השכינה ויהיה חלקנו עמהם"

**האט געגעבן צו פארשטיין רבי יעקב צבי אברהם פון די רבני ברוקלין ניו יארק:**

די גמרא אין מסכת פסחים זאגט (נ א) אז רבי אחא בר חנינא האט געזאגט: "לא כעולם הזה העולם הבא; העולם הזה - על בשורות טובות אומר ברוך הטוב והמטיב, ועל בשורות רעות אומר ברוך דיין האמת. לעולם הבא - כולו הטוב והמטיב".

לכאורה איז שווער אז מען איז זיך מתבונן אין די חילוקים צווישן ביידע וועלטן זעט מען אז דער חילוק צווישן די וועלט און יענע וועלט איז נישט ביי די חיובי הברכות נאר אין די מציאות. אויף יענע וועלט איז נישט דא קיין רע און וועגן דעם איז נישט שייך די ברכה פון "דיין האמת". אויב אזוי פארוואס איז רבי אחא בר חנינא מדגיש אז די ברכה איז אנדערש ער וואלט געדארפט זאגן גלייך מיט א פשטות אז אויף די וועלט איז דא רע וטוב און אז אויף יענע וועלט איז אלעס כולו טובה?

**דער צל"ח** (שם) בשם **רבי אפרים ריישר** דער מגיד פון בראד זאגט דערויף א שיינער מהלך. ער זאגט אז וואס רבי אחא בר חנינא זאגט "לעולם הבא - כולו הטוב והמטיב", מיינט נישט דווקא 'עולם הבא' נאר עס מיינט אז בעולם הבא וועט נתגלה ווערן לעיני האדם אז אויך די בשורות רעות וואס אויף די וועלט מאכט מען אויף זיי "דיין האמת" איז געווען לטובה און אז באמת וואלט מען געדארפט מאכן אויף זיי "הטוב והמטיב".

דאס בעטן מיר אויף די וועלט: "הרחמן הוא ינחילנו ליום שכלו טוב" אז מיר ווילן זוכה צו די בחינה און זען אז אלעס איז טובה, אויך וואס האט אויסגעזען אויף די וועלט רע און ממילא וועט זיין "הצדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם ונהנים מזיו השכינה", און וואס מען זאל האבן א טענה אויף קיין איינעם. (הגש"פ 'מעשי למלך' עמ' עט).

•

## די עטרות פון צדיקים אויף'ן קאפ פון משיח צדקנו

דער **'חתן סופר'** איז מדייק דער לשון "ועטרותיהם בראשיהם" - עס וואלט געדארפט שטיין "ועטרות בראשיהם"? נאר עס קען זיין אז בעולם הבא זענען די מדריגות פון צדיקים צעטיילט לויט זייער מעשים בעולם הזה און ווי חז"ל זאגן (ב"ב עה א) אז ווען משיח וועט קומען וועט הקב"ה מאכן א חופה פאר יעדן איינעם לויט זיינע מעשים.

די בחינה איז מרומז אין די ווארט "ועטרותיהם" אז יעדער מאכט אן עטרה לויט די איכות המעשים וואס ער טוט אויף די וועלט. (הגש"פ 'חתן סופר').

א וואונדערליכער מהלך דערויף זאגט דער **אדמו"ר רבי שמעון מיערוסלב:** לעתיד לבוא ווען יעדער צדיק וועט באקומען זיין עטרה וועט ער נעמען די עטרה און עס אריבערלייגן אויפן קאפ פון זיין רבי וואס האט אים געלערנט תורה. זיין רבי וועט עס נישט האלטן ביי זיך נאר עס וועט גיין ווייטער ביז ווען עס וועט אנקומען צום קאפ פון מלך המשיח.

די בחינה ליגט אין די ווערטער "צדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם" - אז די עטרות פון אלע צדיקים וועט זיין בראשו של משיח וועלכע ווערט אנגערופן 'ראשון' ('שער יששכר' מאמר אגדתא דפסחא אות קב).

•

## "ויהי חלקנו עמהם" - לשם שמים

דער 'מנחת אלעזר' פרעגט א קשיא אויף די בקשה וואס מען בעט "ויהי חלקנו עמהם". אויבנאויף זעט עס אויס ווי מען בעט א שכר אויף אונזערע מעשים אויף די וועלט. מיר ווייסן דאך וואס חז"ל זאגן (אבות א ג): "אל תהיו כעבדים המשמשים את הרב על מנת לקבל פרס"? נאר ער איז מבאר על פי א משל פון א קעניג וואס האט געמאכט א גרויסע סעודה. ווען ער רופט די געווענליכע מיניסטארן און מקורבים למלכות האט ער נישט קיין הנאה פון דעם, ווייל זיי זענען ביי אים אגאנץ יאר, אבער ווען ער רופט די דלים ואביונים וואס זייער גאנצער זכות איז אז זייערע עלטערן האבן אמאל באדינט דעם קעניג ווערט ער פון דעם מלא שמחה.

די נמשל איז אז הקב"ה איז מרבה חסד, פון דעם אז די צדיקים זיצן און זענען נהנה מזיו השכינה פון דעם זעט מען נאכנישט טובו וחסדו ווייל עס קומט אזוי, זיי האבן געהארעוועט פאר דעם אבער פון דעם אז ער ברענגט אריין די שוואכע אידן און ווען עס וועט מקויים ווערן דער "יהיה חלקנו עמהם" מכוח מידת החסד והרחמים און מכח אונזערע אבות ווייל מיר זענען בני אברהם יצחק ויעקב דאן וועט נתעורר ווערן א גרויסע שמחה למעלה און וועגן דעם בעטן מיר אויף דעם ('שער יששכר' שם אות קג).

## א נאכט פון 'אמן'

"עֲבָדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה בְּמִצְרָיִם"

די סופי תיבות פון די ווערטער "עבדים היינו לפרעה במצרים" - איז גימטריא אמן; עס קומט אויסלערנען א איד אז די כח פון 'אמן' איז אזוי גרויס אז עס קען עפענען די שערי הישועה פאר א מענטש אין יעדן מצב, אפילו ווען א איד איז אין א מצב ווי אזוי די אידן זענען געווען אין מצרים. ('לכו נרננה' מאמר ד, בשם רבי גמליאל רבינוביץ).

## דער 'אמן' - מרומז אין די נעמען פון די תנאים

"מַעֲשֶׂה בְּרַבִּי אֱלִיעֶזֶר וְרַבִּי יְהוֹשֻׁעַ וְרַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה וְרַבִּי עֲקִיבָא וְרַבִּי טַרְפוֹן שֶׁהָיוּ מְסֻבִּין בִּבְנֵי בְרַק, וְהָיוּ מְסַפְּרִים בִּיצִיאַת מִצְרַיִם כָּל אוֹתוֹ הַלַּיְלָה"

דער ספר החינוך (מצווה כא) ביי די טעם צו די מצוה פון סיפור יציאת מצרים געט צו פארשטיין אז די סיבה פארוואס הקב"ה האט געגעבן די מצוה פון סיפור יציאת מצרים איז אז דורך דעם זאל מען איינווארצלען די אמונה פון אידישע קינדער אין אונזערע הערצער.

מיר ווייסן אז אויך דער 'אמן' איז דא צוליב די זעלבע זאך. אויך ז' איז משריש די אמונה אין אידישע קינדער אזוי ווי די מצוה פון סיפור יציאת מצרים. (זעה רבנו בחיי, שמות יד לא).

א שיינער רמז דערצו איז דא אין די מעשה וואס מען פארציילט פסח ביינאכט ביי די הגדה של פסח. דארט ווערט פארציילט איבער די תנאים וואס האבן פסח ביינאכט אין בני ברק. דער חיד"א אין זיין פירוש 'פה אחד' אויף הגדה של פסח זאגט אז ווען מען זאל אויסרעכענען וויפיל עס באטרעפט די ערשטע אותיות פון די נעמען פון די תנאים יהושע, אלעזר, עקיבא, טרפון - וועט מען אנקומען צו די זעלבע גימטריא פון 'אמן'.

## לערנען די כוונה פון 'אמן'

"צֵא וּלְמַד".

דער הייליגער חוזה פון לובלין האט געזאגט אז דער ווארט צ"א איז די זעלבע גימטריא פון די צוויי הייליגע שמות הק' הוי"ה ואדנות וועלכע זענען זיך מתייחד ווען מען זאגט אן אמן.

די בחינה איז מרומז דא, דער בעל הגדה זאגט אונז 'צ"א ולמד' אז מען דארף זיך אויסלערנען צו מאכן דער יחוד פון צ"א". ('אמרי יוסף' דרושים להקפות הקפה ג דרוש ו)

## די 'אמן' איז מאחד די שמות הקודש

"עַמּוּדָיו עָשָׂה כֶסֶף רְפִידָתוֹ זָהָב מֶרְכָּבוֹ אַרְגָּמָן תּוֹכוֹ רָצוּף אַהֲבָה מִבְּנוֹת יְרוּשָׁלָם" (שיר השירים ג י)

האט געזאגט דער רב פון מאגענצא רבי הערץ אברהם נפתלי שייער:

אז מען וועט בודק זיין וועט מען זען אז די ראשי תיבות און די סופי תיבות פון דער ווארט "ארגמן" איז 'אמן'.

כידוע איז דער 'אמן' משלב אין זיךביידע שמות הויה ואדנות און דאס איז דער פסוק דא מרמז. עס זאגט אז "מרכבו ארגמן" - אז די מרכבה איז ארגמן ווייל די 'אמן' איז די זעלבע גימטריא פון די צוויי שמות.

עס קען זיין אז דאס האט דער תיקוני זהר געמיינט דרשנ'דיג די פסוק (קמג ב) (שה"ש ז ו): "ודלת ראשך כארגמן" - "ודא איהו סוד 'אמן" - אז דאס איז מרומז אין איר. ('תורי זהב' שיר השירים ג י).

## די ווערטער פון דער פוסק הדור דער בעל 'תשובות והנהגות' שליט"א איבער די גרויסקייט פון זאגן 'ברכת השחר בחברותא'

ביי א באזוך וואס דער נשיא פון 'בני אמונים' הרב יעקב דוב מארמערשטיין שליט"א האט אפגעהאלטן אין די שטוב פון דער פוסק הדור בעל 'תשובות והנהגות' שליט"א, האט מרן שליט"א שטארק מעודד געווען די פעולות פון 'בני אמונים' און גערופן אנצוהאלטן די מנהג פון זאגן 'ברכות השחר' בצוותא:

פאלגענד ברענגען מיר אראפ די דברי חיזוק וואס ער האט געזאגט ביי די מעמד:

"יעדער איינער וואס האט א שייכות צו תורה, צו מצות, צו אידישקייט, ווייסט צו שעצן די חשיבות פון א ברכה, אז די ברכה איז ווי א כתר פאר'ן ריבונו של עולם און אז ווען מיר מאכן א ברכה זענען מיר מכתיר מיט דעם הקב"ה. די ברכה איז אויך א דערמאנער פאר יעדן איינעם פון אונז אז די וועלט איז נישט הפקר - אז עס איז דא א קעניג אויף די וועלט און מיר דארפן אים אויסהערן און פאלגן וואס ער זאגט.

אין די פוסקים ווערט געברענגט (טור ושלחן ערוך או"ח קסז טז) אז דער 'אמן' איז א חלק פון די ברכה, אז א ברכה ווערט נישט נשלם נאר מיט די 'אמן' וואס מען זאגט נאך דעם. וועגן דעם איז די 'אמן' נישט חל נאר אויף די שומעים נאר אויך אויף דער מברך, אז ער דארף זיין משלים זיין די ברכה מיט אמן און דער וואס ענטפערט אמן דארף אינזינען האבן מוציא צו זיין דער מברך די חוב פון עניית אמן ווי דער רמ"א האט פסק'נט דארט. (שם ב).

עס קען זיין אז די מנהג פארוואס מען פירט זיך צו זאגן די ברכת השחר אין שול און נישט אין שטוב אזוי ווי עס איז דינא דגמרא [ברכות דף ס. ע"ב] בויט זיך אויף דער יסוד, ווייל אין שול קען מען מאכן די ברכה פאר אידן וואס ענטפערן 'אמן' און אזוי ארום איז די ברכה א שלימות'דיגע ברכה.

אשרי חלקם פון די 'בני אמונים' וואס האבן זוכה געווען זיך מתעטר צו זיין מיט דער כתר שם טוב און טון פאר דעם. זייער זכות איז זייער גרויס וחפץ ה' בידם יצליח אז זיי זאלן קענען ממשיך זיין מיט זייערע פעולות צו טון אין דעם ביתר שאת און פועל צו זיין אריינצוברענגען די נושא פון עניית אמן איבעראל. אין ערטער וואו עס קומט אן שווער איז די שכר גרעסער. א ספעציעלע ברכה פאר דער נשיא פון די 'בני אמונים' הרב יעקב דוב מארמערשטיין וועלכער שטייט אין שפיץ פון די געוואלדיגע פעולות, עס איז לא יאומן כי יסופר ווי גרויס עס איז די פעילות פון איין מענטש אז עס קען אריינברענגען א שינוי אין די גאנצע וועלט.



דער נשיא פון 'בני אמונים' רבי יעקב דוב מארמערשטיין ביי זייך באזוך במעונו פון דער פוסק הדור בעל 'תשובות והנהגות' שליט"א

און אלע מתחזקים און די וואס זענען פועל אין דער ענין פון אמן זאלן זוכה זיין צו אריכות ימים און א ריבוי טוב ווי די חכמים זענען מבטיח (ירושלמי ברכות ח ח): "כל המאריך בעניית אמן מאריכין לו ימיו ושנותיו בטובה".